בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, ליל שבת קודש פרשת בא; און שבת קודש פרשת בשלח ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

**שבת קודש פרשת בשלח - שירה, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין וויליאמסבורג יע"א. ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר"ן סימן כו.**

איידער דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם שיעור האט מען געזינגען דעם ניגון: "בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וֵוייס, אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז, זַיין נָאנְט צוּ דִיר, וִויל אִיךְ עֶס אָן אַ שִׁיעוּר. אוּן אֲפִילוּ וֶוען סְ'אִיז שְׁוַוארְץ, מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פְּרוּבִּירְסְטוּ מִיר, דָאךְ זֶע מַיין הַארְץ, וִוי אִיךְ קוּק אַרוֹיס צוּ דִיר. טַאטֶע, טַאטֶע, טַאטֶע, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן:

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): **"מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, און נישט סתם אן ערליכער איד נאר אן ערליכע איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד"**; וועלן מיר לערנען דעם הייליגן רבי'נס שמועסן. דער רבי הייבט אן (שיחות הר"ן סימן כו):

**"אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם"**, ביי די וועלט איז שכחה א גרויסע חסרון, מענטשן רעדן זיך אפ: "איך פארגעס שנעל", זיי קוקן עס אן ווי א פראבלעם. **"אֲבָל בְּעֵינַי, יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה"**, אבער אין מיינע אויגן איז שכחה א מורא'דיגע מעלה, **"כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'"**, וואלט ווען נישט געווען קיין שכחה וואלט מען נישט געקענט טון קיין שום זאך אין עבודת השם, **"אִם הָיָה זוֹכֵר כָּל מַה שֶּׁעָבַר לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְהָרִים אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּשׁוּם אֹפֶן"**, אויב וואלט מען געדענקט יעדע זאך

וואס מען האט געטון וואלט מען זיכער נישט געקענט אנהייבן פון פריש טון גוטע זאכן, "גַּם הָיוּ מְבַלְבְּלִים אֶת הָאָדָם מְאֹד כָּל הַדְּבָרִים שֶׁעוֹבְרִים עָלָיו", אויך וואלט מען געווארן געשטערט פון אלעס וואס איז אריבער, "אֲבָל עַכְשָׁו עַל יְדֵי הַשִּׁכְחָה נִשְׁכָּח מַה שֶּׁעָבַר", אבער יעצט ווען עס איז דא שכחה, פארגעסט מען די אלע נישט גוטע זאכן, קען מען אנהייבן פון פריש דינען דעם אייבערשטן. "וְאֶצְלוֹ הַדֶּרֶךְ, שֶׁכָּל מַה שֶּׁעָבַר וְהָלַךְ, נִפְסָק וְהוֹלֵךְ לַחֲלוּטִין, וְאֵינוֹ חוֹזֵר בְּדַעְתּוֹ עוֹד כְּלָל", ביים רבי'ן איז נישט געווען אינטערעסאנט אלטע זאכן, א זאך וואס איז געווען האט מען מער נישט גערעדט און געטראכט, "וְאֵינוֹ מְבַלְבֵּל כְּלָל עַצְמוֹ עוֹד בַּמֶּה שֶּׁכְּבָר עָבַר וְהָלַךְ".

## אוודאי דארף מען תשובה טון

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דאס וואס דער רבי זאגט דא אז מען דארף פארגעסן אלעס וואס מען האט געטון, מיינט נישט אז מען זאל נישט תשובה טון דערויף, אוודאי דארף מען תשובה טון, נאר דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כה) אז דאס זאל זיין איינמאל א טאג, מען זאל מייחד זיין א צייט וואס דעמאלט גייט מען איבער אלע מעשים וואס מען האט געטון, אבער דורכאויס דעם גאנצן טאג דארף מען זיין נאר פרייליך; מען קען נישט א גאנצן טאג זיין פארנומען מיט וואס עס איז געווען, מען דארף זיך באנייען.

זאגט דער רבי ווייטער:

"וְעִנְיָן זֶה הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה גְּדוֹלָה מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה'", דאס איז א מורא'דיגע גוטע עצה אין עבודת השם, "כִּי עַל־פִּי רֹב יֵשׁ לְהָאָדָם בִּלְבּוּלִים רַבִּים וְעִרְבּוּב הַדַּעַת מְאֹד מִמַּה שֶּׁחָלַף וְעָבַר, בִּפְרָט בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, שֶׁאָז בָּאִים עָלָיו כָּל הַבִּלְבּוּלִים וּמְעַרְבְּבִים וּמְעַקְּמִים אֶת דַּעְתּוֹ מִמַּה שֶּׁכְּבָר עָבַר", אז א מענטש וועט גוט קוקן וועט ער זען אז פיל צייט

עסט ער זיך אויף מיט וואס עס איז געווען. עס קומען אין אים אריין אלע סארט בלבולים, "לִפְעָמִים יֵשׁ לוֹ בִּלְבּוּלִים מֵעִנְיַן הַמַּשָּׂא־וּמַתָּן שֶׁלּוֹ וְעִסְקֵי בֵּיתוֹ, (וְכַיּוֹצֵא, כַּאֲשֶׁר כִּי לֹא טוֹב עָשָׂה בְּעִנְיָן זֶה, וְכַיּוֹצֵא וְכָךְ הָיָה צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַדָּבָר)", אמאל איז עס בלבולים פון ביזנעס, אמאל איז עס זאכן פון שטוב, דער מענטש עסט זיך אויף 'איך וואלט ווען געדארפט טון אזוי', 'איך וואלט ווען געדארפט טון אנדערש'. "וְיֵשׁ שֶׁמְּבַלְבְּלִים אוֹתוֹ בְּעֵת עֲבוֹדָתוֹ בְּתוֹרָה אוֹ בִּתְפִלָּה וְכַיּוֹצֵא, בְּהַפְּגָמִים שֶׁפָּגַם מִקֹּדֶם, (כַּאֲשֶׁר שֶׁבְּעִנְיָן זֶה לֹא עָשָׂה כַּהֹגֶן נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה מְאֹד). כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לְכָל אָדָם בְּעַצְמוֹ", אדער איז אים מבלבל מחשבות אז ער האט פוגם געווען, ער האט געטון זאכן וואס דער אייבערשטער לאזט נישט; אזוי ווי יעדער מענטש אליינס ווייסט זיינע בלבולים. "עַל־כֵּן הַשִּׁכְחָה הִיא עֵצָה טוֹבָה גְּדוֹלָה מְאֹד לָזֶה, שֶׁתֵּכֶף וּמִיָּד שֶׁחוֹלֵף וְעוֹבֵר הַדָּבָר, יַעֲבִיר וִיסַלֵּק אוֹתוֹ מִדַּעְתּוֹ לְגַמְרֵי, וְיַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה לְגַמְרֵי. וְלֹא יַתְחִיל לַחֲשֹׁב עוֹד בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעִנְיָן זֶה כְּלָל". דערפאר איז שכחה זייער א גוטע עצה, אז דער מענטש זאל פארגעסן זיינע אלטע מעשים, ער זאל מער נישט טראכטן דערפון. "וְהָבֵן הַדָּבָר הֵיטֵב, כִּי הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד".

## וואס האט איינס מיט'ן צווייטן?

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: זייער אסאך מאל הערט מען ווי מענטשן זאגן: "איך דאווען נישט מנחה", "איך לערנען נישט קיין משניות", "איך לערן נישט קיין גמרא", "איך זאג נישט קיין תהלים", אז מען פרעגט אים: "פארוואס?" ענטפערט ער: "דו ווייסט ווילאנג איך טו דאס שוין נישט?!" מענטשן שלעפן ארום זייער אלטע מעשים און דאס האלט זיי צוריק פון אנהייבן פונדאסניי, דער רבי זאגט אבער, וואס האט איינס מיט'ן צווייטן? וואס איז א חילוק וואס איז געווען?! הייב אן פונדאסניי, קום יעצט דאווענען מנחה! הייב אן פון יעצט דאווענען שחרית, מנחה און מעריב, הייב אן פון יעצט מעביר סדרה זיין.

## וואו האלסטו?!

לאמיר יעצט אנהייבן מעביר סדרה זיין יעדן טאג אביסל, קוק זיך אן "האסט געענדיגט פרשת בשלח?" מען האלט שוין טיף אינמיטן ספר שמות, וואו האלסטו?! א מענטש דארף זיך מאכן א חשבון אנצוהייבן מעביר סדרה זיין פון אנהייב וואך, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי און אזוי ווייטער, אזוי ווי עס ווערט גע׳פסק׳עט אין שלחן ערוך (אורח חיים סימן רפה, סעיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פון זונטאג קען מען שוין אנהייבן מעביר סדרה זיין. מען דארף אסאך רעדן פון דעם, ווייל מענטשן זענען מזלזל אין דעם, מען טראכט 'איך וועל שוין מעביר סדרה זיין פרייטאג', 'איך וועל שוין מעביר סדרה זיין שבת', למעשה זענען זיי נישט מעביר סדרה. מוהרא"ש שרייבט, א וואך וואס מען איז נישט מעביר סדרה האט מען א שאדן, אדער באקומט מען א טיקעט, אדער פארלירט מען געלט וכדומה, דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן צו לערנען יעדן טאג אביסל שנים מקרא ואחד תרגום.

## סטילוואל (steel wool)

קוק נישט וואס איז געווען, הייב אן פון יעצט, נעם א חומש און לערן אביסל חומש, נעם א משניות און זאג אפאר פרקים משניות. מוהרא"ש שרייבט, אז משניות איז ווי סטילוואל (steel wool) פאר די נשמה; ווען איינער וויל רייניגן א פארקלעבטע שמוציגע טאפ העלפט שוין נישט קיין וואסער אליינס, אפילו א ספאנדזש (Sponge) קען עס אויך נישט צוריק ריין מאכן, מען דארף נעמען סטילוואל - דאס קראצט גוט אראפ אלע פלעקן און מאכט דעם טאפ צוריק ווי ניי. דאס איז משניות; ווען א מענטש זינדיגט, ער היט זיך נישט אויגן, ער היט זיך נישט זיינע מעשים רחמנא לצלן, ווערט זיין נשמה אינגאנצן פארשמירט, דאס איז א זאך וואס מען קען נישט זען אבער עס געשעט, ווי אזוי קען מען עס

אפריייניגן? דורכ'ן לערנען אסאך תורה, און משניות איז זייער מסוגל דערויף, אז מען לערנט משניות נעמט עס אראפ אלע פלעקן און מאכט צוריק ריין די נשמה, ווייל 'משנ"ה' איז די אותיות 'נשמ"ה'.

## דו זאגסט משניות?!

דאס קען יעדער באוויייזן, ווייל דער רבי האט אונז געגעבן א וועג צו לערנען (עיין שיחות הר"ן, סימן עו), אפילו א מענטש וואס פארשטייט נישט קיין לערנען, ער האט נישט קיין מח, א מענטש וואס האט אלע תירוצים נישט צו לערנען, אבער זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה קען יעדער. עס זעט טאקע אויס אינטערעסאנט, און מענטשן מאכן חוזק דערפון: "וואס הייסט, דו זאגסט משניות?!" אבער מען טאר זיך נישט לאזן נארן, מען דארף קוקן אויף מציאות, האב איך היינט געעפנט א ספר? ניין! זאג כאטש די ווערטער פון די הייליגע תורה.

## אבער יעדן טאג לערן איך...

עס איז א מורא'דיגע בושה, א מענטש קען גיין אנגעטון מיט א שטריימל, און בעקעטשע, מיט ווייסע זאקן און פעפעטע הויזן אבער ער עפנט נישט קיין ספר... אז מען פרעגט א מענטש: האסט היינט געעפנט א ספר? זאגט ער "ניין!" פרייטאג האסטו געלערנט? "ניין! **פונקט נעכטן און היינט האב איך נישט געלערנט, אבער יעדן טאג לערן איך**"... זאג איך דיר שוין וואס גייט זיין מארגן און איבער מארגן, יעדן טאג איז דא אנדערע תירוצים, דער יצר הרע וויל מען זאל נישט לערנען, יעדן טאג קומט ער פרישע תירוצים, היינט בין איך פארנומען, מארגן איז מיין חברותא פארנומען, איבער מארגן זענען ביידע פארנומען, דעם פערטן טאג איז שוין סוף וואך, וועט מען שוין ווארטן אויף קומענדיגע וואך, נעקסטע וואך הייבן מיר אן לערנען... אזוי גייט אריבער א וואך, א חודש, א זמן און א יאר וואס דער מענטש לערנט נישט.

## א קליינע משניות אין טאש

אבער אז א מענטש נעמט דעם 'סדר דרך הלימוד' ווערט ער נישט געשטערט פון גארנישט, ער דארף מער נישט קיין סדר, קיין זמן און א פלאץ, וואו ער גייט נעמט ער מיט א קליינע משניות אין טאש און זאגט פרקים משניות.

## דאס האט נישט קיין שייכות מיט קיין פארטיי

מען האט דעם פרייטאג אנגעהויבן א פרישע מסכתא, מסכת מועד קטן, לאמיר פון היינט אנהייבן לערנען דעם בלאט גמרא. אמת אז אין אנהייב ווען די 'אגודת ישראל פארטיי' האבן פראקלאמירט דעם לימוד ביי זייער כנסיה הגדולה זענען די צדיקים פון יענעם דור געווען זייער אנטקעגן דעם לימוד, זיי האבן געזאגט אז מען זאל נישט לערנען מיט זייער וועג, כדי מען זאל זיי נישט געבן קיין חיזוק וכו', אבער היינט צו טאגס האט דאס שוין גארנישט צו טון מיט 'אגודת ישראל', היינט צו טאגס ווען א בחור אדער א אינגערמאן לערנט דעם בלאט גמרא, האט דאס נישט קיין שום שייכות מיט קיין פארטיי.

## א סעודה לכבוד חמשה עשר בשבט

מארגן איז א גרויסע יום טוב, 'חמשה עשר בשבט'; מוהרא"ש זאגט (קונטרס ט"ו בשבט): "וְנוֹהֲגִים לְהִתְאַסֵּף בְּבֵית כָּל הַמִּשְׁפָּחָה", מען פירט זיך צאמצונעמען די גאנצע משפחה, "לֶאֱכֹל בְּצַוְתָּא אֶת כָּל מִינֵי פֵּירוֹת", מען עסט אינאיינעם אלע סארט פרוכט, "וּמַרְבִּים לְסַפֵּר לִבְנֵי הַבַּיִת וְלַיְּלָדִים וּלְכָל הַמִּשְׁפָּחָה מִנִּפְלְאוֹתָיו יִתְבָּרַךְ", מען דערציילט פאר די משפחה דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטן, "אֵיךְ שֶׁבָּרָא כָּל פְּרִי וּפְרִי לֵהָנוֹת בּוֹ בְּנֵי אָדָם", די וואונדער פונעם אייבערשטן ווי אזוי ער מאכט וואקסן אלע פרוכט, "וּמְדַבְּרִים דִּבְרֵי תּוֹרָה, וְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הַשַּׁיָּכִים לַחֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט", מען רעדט דברי תורה און מען דערציילט

מעשיות, "וְהוּא עִנְיָן גָּדוֹל מְאֹד לְחִנּוּךְ הַיְלָדִים", עֶס איז א גרויסע זאך און א וויכטיגע זאך פאר די קינדער. דערפאר איז זייער וויכטיג צו מאכן א סעודה מיט די ווייב און קינדער לכבוד חמשה עשר בשבט. מען קען עס מאכן זונטאג נאכט אדער מאנטאג נאכמיטאג.

## טריקן, טויט, קאלט און מיואש'דיג

אז מען קוקט היינט אויף דיביימער זעען זיי אויס טריקן, טויט, קאלט און מיואש'דיג, זיי פארמאגן גארנישט צו זיך, אלע שרייען אויף זיי: 'קלעצער', אבער 'חמשה עשר בשבט' גייט אריין אין זיי א פייכקייט, און נאך אביסל וועט ארויסקומען פון זיי שיינע בלעטער און גוטע פרוכט, די וועלט וועט ווייטער האבן פיינע עסן פון די ביימער; שרייבט מוהרא"ש, 'חמשה עשר בשבט' איז א גוטע צייט זיך צו באנייען פון פריש, ווייל מענטשן ווערן אויך אנגערופן ביימער, ווי דער פסוק זאגט (דברים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", א מענטש איז אזוי ווי א בוים, קענען מיר אויך אויסניצן דעם טאג זיך צו באנייען פון פריש, נישט קוקן אויף וואס עס איז געווען ביז יעצט, נאר אנהייבן פון יעצט צו זיין ערליך און וואויל.

## באנייען מיט שיינע מעשים טובים

אפילו דער מענטש איז ביז יעצט געווען טויט, קאלט, נאקעט און טריקן, ער איז ביז יעצט גארנישט געווען, איז יעצט 'חמשה עשר בשבט' א צייט וואס ער קען זיך באנייען מיט שיינע מעשים טובים, דער מענטש זאל זיך פארנעמען: איך גיי אנהייבן לערנען, איך גיי אנהייבן דאווענען, איך גיי טון מצות און מעשים טובים, איך גיי טון גמילת חסדים.

## אנהייבן פון פריש אויפצולעבן

"איי, איך האב דאך אזוי לאנג גארנישט געטון!" – האבן מיר אבער

דעם מורא'דיגן לימוד פון דיביימער; זיי שטייען אויך שוין א לאנגע צייט נאקעט אן קיין בלעטער, פארטריקנט און קאלט, דאך הייבן זיי אן פון פריש, זיי באנייען זיך, זיי הייבן אן פון פריש אויפצולעבן, דארפן מיר עס נאכטון, אויך אנהייבן פון פריש זיין ערליך און וואויל.

## געאייגנט פאר יעדן

לאמיר נישט קוקן וואס איז געווען, נאר אנהייבן פונדאסניי צו לערנען און דאווענען, אויך צוריק אנהייבן רעדן צום אייבערשטן. דער רבי האט אונז געגעבן די עצה פון 'התבודדות'; התבודדות איז א זאך וואס איז געאייגנט פאר יעדן, נישט קיין חילוק ווער דער מענטש איז.

## יא געלונגען אדער נישט געלונגען

עס איז דא מענטשן וואס האבן מורא צוצוגיין צום עמוד, זיי האבן מורא צו באקומען אן עליה, דערפאר גייען זיי ארויס פון בית המדרש כדי מען זאל זיי נישט אויפרופן, ווער רעדט נאך פון אויפטרעטן ביי א שמחה - ווילן זיי זיכער נישט, ווען זיי שטייען ביי א קופקע פון מענטשן וועלן זיי זיך נישט עפענען דאס מויל, אבער דאס אלעס איז נאר שייך ווען עס קומט צו רעדן מיט מענטשן, אבער 'התבודדות' איז געמאכט פאר יעדן, צום אייבערשטן קענסטו דאך רעדן, דער אייבערשטער הערט דיר אויס. ביים אייבערשטן איז נישט קיין חילוק ווי אזוי דו שטעלסט זיך אהער, ווער דו ביסט, וואס דו ביסט, צי דו ביסט יא שטארק אדער נישט שטארק, צי דו ביסט יא געלונגען אדער נישט געלונגען, זאג פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס גייט אויף דיר אריבער, אין וואס פאר א נסיונות דער יצר הרעווארפט דיך אראפ, דערצייל אים ווי שטארק דו ווילסט זיין אן ערליכער איד, ווי שטארק דו ווילסט דאווענען און לערנען.

## פאלגן דעם רבי׳ן

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שנד), עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט חרטה האבן ״פארוואס האב איך נישט געפאלגט דעם רבי׳ן?״ ווייל אויב מען וואלט מיר געפאלגט וואלט נישט געווען קיין דרגה בעולם צו וואס איך זאל נישט צוברענגען.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן ווען מיר זוכה זיין צו די גרעסטע מדריגות אויף די וועלט, אמן.

**שבת קודש פרשת בא, שנת תשפ״ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט״א געווען אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע״א, לרגל 'שמחת השבע ברכות' פון זיין טאכטער תחי' עב״ג החתן הנעלה הרב נתנאל פארקאש נרו יאיר. ליל שבת קודש האט דער ראש ישיבה שליט״א גערעדט הערליכע דיבורים בענין שמחת חתן וכלה.**

דער ראש ישיבה שליט״א האט אנגעהויבן:

דער הייליגער **חתם סופר** זכותו יגן עלינו פרעגט (תורת משה, פרשת בא), פארוואס האט אויסגעפעלט ביי מכת חושך אז דער אייבערשטער זאל מאכן אזא וואונדערליכע מכה, עס זאל זיין פינסטער פאר די מצריים און אין די זעלבע צייט ליכטיג פאר די אידן, לויט ווי רש״י ברענגט אראפ (שמות י, כב) די צוויי טעמים פארוואס דער אייבערשטער האט געברענגט מכת חושך, כדי די מצריים זאלן נישט זען ווי די אידישע רשעים שטארבן, און כדי די אידן זאלן קענען נישטערן אין די פארמעגנס פון די מצריים, וואלט דאך דער אייבערשטער געקענט מאכן אז די מצריים זאלן ווערן בלינד, נישט פינסטער.

איז דער הייליגער חתם סופר מסביר, ווען א מענטש איז בלינד לא עלינו גייט אריבער דער כח פון זיינע אויגן צו איינע פון זיינע איבריגע חושים, פון איין זייט זעט ער טאקע נישט, אבער פון די אנדערע זייט פארדינט ער אז זיינע אנדערע חושים ארבעטן שטערקער ווי ביי א צווייטן, דאס איז אבער נאר ווען דער מענטש איז בלינד, אבער ווען א מענטש קען זען נאר ער זיצט אין א טונקעלע שטוב, ווערן נישט זיינע איבריגע חושים שטערקער. דערפאר האט דער אייבערשטער געמאכט עס זאל ווערן פינסטער פאר די מצריים, כדי זיי זאלן נישט קענען זען, און דערביי גארנישט פארדינען דערפון.

טייטשט ער דערמיט וואס די הייליגע חכמים זאגן (ביצה לב:): **"כָּל הַמְצַפֶּה עַל שֻׁלְחָן אֲחֵרִים עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ"**, ווער עס דארף צוקומען צו אנדערע מענטשן איז די וועלט פינסטער פאר אים; עס שטייט נישט אז ער איז גלייך צו א בלינדער מענטש, נאר 'די וועלט איז אים פינסטער'. ווייל עס קען זיך דאכטן פאר אן ארעמאן אז ער פארדינט דורכ'ן זיין אנגעהאנגען אין אנדערע, ווייל אזוי דארף ער זיך נישט פארען מיט גארנישט, ער קען רואיג לערנען און דאווענען, און ווען ער דארף עפעס קלאפט ער אריין צו הייזער און מען שטעלט אלעס צו וואס ער דארף, דערפאר זאגן אונז די הייליגע חכמים אז עס איז נישט אזוי, ער איז גלייך צו 'עוֹלָם חָשַׁךְ', די וועלט איז אים פינסטער, וואס דעמאלט האט מען נישט קיין שום ניצן דערפון, דאן ווערן נישט די אנדערע חושים שטערקער, אזוי אויך פארדינט דער ארעמאן גארנישט דערפון.

האב איך געטראכט, אז דאס איז ממש דער ענין פון א חתן; אלע מוטשען זיך "פארוואס דארף מען משמח זיין א חתן?" נאר דער חתן איז ביז יעצט געווען א 'מְצַפֶּה עַל שֻׁלְחָן אֲחֵרִים', מען האט אים אלעס צוגעשטעלט, פרישטאג און נאכטמאל, און ער האט געקענט לערנען אומגעשטערט, ער איז געזיצן מיט זיין חומש און משניות, ער האט געלערנט זיינע שיעורים, קען ער טראכטן: **"וואס פעלט דאס אויס? פארוואס דארף איך חתונה האבן?"** קומט מען משמח זיין דעם חתן און מען זאגט אים: אמת אז פון יעצט און ווייטער דארפסטו אנהייבן זארגן וכו' אבער א בחור איז 'עוֹלָם חָשַׁךְ בַּעֲדוֹ', עס קוקט טאקע אויס ווי אלס בחור קען מען בעסער לערנען און דאווענען, מען דארף זיך נישט מוטשען, אבער ווען מען האט חתונה איז מען מער מרויח, אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (יומא עב:): ווי אזוי איז מען זוכה צו לערנען תורה בטהרה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אז מען האט חתונה און נאכדעם לערנט מען תורה.

עס איז מיר א גרויסע כבוד און שמחה אז מיין טאטע שליט"א און שווער שליט"א האבן זיך מטריח געווען ארויס צו קומען אויף שבת זיך משתתף זיין אין די שמחה. דער אייבערשטער זאל העלפן אז זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און אלע משתתפים זאלן זוכה זיין צו זען שמחות ביי זייערע קינדער און אייניקלעך, אמן.